# בײַ פֿאָרדן אין פֿאַבריק

הונדערט און דרייסיק טויזנט אַרבעטער. — יעדע פֿופֿציק סעקונדעס ווערט פֿאַרטיק אַן אויטאָמאָביל. — פֿיר הונדערט עקסידענטס אַ מעת־לעת. — יעדע דריי־פֿיר מינוט טראָגט מען אין שפּיטאָל אַרײַן אַ פֿאַרוואונדעטן אַרבעטער. די עקסידענטס אין פֿאָרדס פֿאַבריקן ווערן ניט פֿאַרצייכנט אין דער דיטראָיטער פּרעסע. (אינפֿאָרמאַציע).

הינטער דיטראָיט אין אַ ליכטיקער געביידע, וואָס איז ברייטער ווי העכער, ענלעכער אויף אַ מוזיי ווי אויף אַן אָפּיס, קלײַבן זיך מענטשן פֿון דער גאַנצער וועלט. מען קומט אַהער אָנקוקן פֿאָרדס פֿאַבריקן. דאַכט זיך ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן געווען אין דיטראָיט און איז ניט פֿאַרפֿאָרן אַהער. בלויז צווישן די דיטראָיטער תּושבֿים האָב איך באַגעגנט געבירטיקע, וואָס האָבן די פֿאַבריקן נאָך ניט געזען און זײַנען אַפֿילו ניט נײַגעריק זיי אָנצוקוקן. אין זײַן אייגענער שטאָט האָט מען פֿאָרדן ניט ליב. מען האַלט אים פֿאַר אַ פּרעמדן, פֿאַר אַ קאַרגן, וואָס ניט נאָר ער קהלט זיך ניט, ער גיט אַפֿילו קיין אָרנטלעכע נדבֿה אויך ניט.

יעדער באַזוכער מוז אונטערשרײַבן אַ פּאַפּיר, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען — צי ס׳וועט עפּעס פֿאַלן אין קאָפּ אַרײַן, אַ מאַשין וועט אַרײַנכאַפּן אַ האַנט, אַ פֿוס, פֿײַערדיקער שמעלץ וועט אויסברענען אַן אויג, אַ שטיק לײַב, אַן אויוון, צי אַ קעסל וועט עקספּלאָדירן — וואָס פֿאַר אַ שלעק און פּורעניות ס׳זאָל ניט טרעפֿן, קאָן קיינער ניט האָבן קיין טענות צו דער קאָמפּאַניע.

אונטערגעשריבן, זײַנען מיר — מאַנסבילן, פֿרויען, קליינוואַרג — אַרײַן אין אַ „באָס“, וואָס האָט געוואַרט פֿאַרן אָפּיס. און ווי מען

האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט דער פירער אונדזערער, אַ דורכגעטריבענער שגץ, אָנגעהויבן צו זאָגן דעם פזמון זײַנעם, וואָס ער חזרט איבער יעדע שעה פאַר אַ נײַער פּאַרטיע באַזוכער:

— אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער אַקער לאַנד, אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער טאָן קוילן...

דער „באָס" האָט זיך געוויגט איבער אַ וועג געגאָסן פון קאָנקריט און פון דעם שײַגעצס זאָגעכץ איז מיר געבליבן אין די אויערן — מיליאָנען-מיליאַסן, מיליאָנען-מיליאַסן.

אַרום און אַרום האָבן זיך געריסן געבײַדעס, הויכע, העכערע, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרקאָפּטשעטע שויבן, מיט גלעזערנע דעכלעך און דעכער. די געבײַדעס האָבן דערמאָנט די אַלטע וואָקזאַלן אין פּאַריז, אין בערלין.

לאָקאָמאָטיוון האָבן געסאָפּעט, זיך געטראָגן מיט רוגזה, זיך געוועקסלט פון איין פּאָר שינעס אויף אַ צווייטער, אַרויסגעוואָרפן שטיקער רויך, וואָס זײַנען זיך ניט צעפלויגן, נאָר געבליבן שטיין אין דער פײַכטער לופט און האָבן געקרעלט אין האַלדז, אין דער נאָז.

ווי אַ וואָרף מיטן אויג — איבערגעוואַקסענע קוימענס פון גלאָז-הוטעס און אײַזן-גיסערײַען, הייב-מאַשינעס, צעהויקערט ווי קעמלען, בערג קוילן, בערג זאַמד, פאַרזשאַווערטע שיף-סקעלעטן, וואָס ליגן איינער אויפן צווייטן, איינער איבערן צווייטן.

דער „באָס" האָט דורכגעשניטן די שינעס, געפאָרן איבער שמאָלע ווענעלעך, זיך פאַרקירעוועט אויף אַ בריק, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ לויפנדיק וואַסער. שיפן מיט פאַרריסענע נעז, מיט אָנגעצויגענע פענער, שלעפ-שיפן און שיפלעך, אַ גאַנצער פלאָט איז געשטאַנען פאַראַנקערט און אַרבעטער, ווי היישעריקן, האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זײַטן, אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן סחורה. רויטע אותיות האָבן געפלאַטערט איבער דער יבשה, איבערן וואַסער, דערציילט וועגן דער לעגענדע „פאָרד", וועגן דער מלוכה „פאָרד".

דער „פירער" האָט אויפגעפּראַלט אַ טאָפּלטע טיר און אַ זויערע כוואַליע, וואָס האָט געשמעקט מיט שייד-וואַסער, זשאַווער, האָט אַ וויש געטאָן איבערן פּנים, שווער געמאַכט דעם אָטעם.

ס׳קלאַפּערײַ, ס׳פּײפּערײַ, ס׳בױערײַ, ס׳גראַגערײַ, װאָס איז געדאַנגען פאַר די אױגן װי אַ נעפּל, האָט אױף אַ װײַלע צוגענומען בײַ מיר די ראיה. ביסלעכװײז האָבן זיך גענומען אױסשײלן רעדער, שװינדל־טרעפּ, קריכנדיקע װאַרשטאַטן, שטאָלענע און קופּערנע קעסלען און װי אַ דרײ מיטן קאָפּ — רערן, רערן, רערן. איבער דעם אַלעם האָבן זיך געגאַרטלט ברײטע לעדערנע פּאַסן, זיך געװיקלט אַרום די מאָטאָרן, אַרום די רעדער, געקרעכצט אין די װענט, די שױבן, די אָפּגעדעקטע געדערים פון די געװערקן, אַפילו דער שטײנערנער דיל — אַלץ האָט געציטערט, זיך געטרײסלט.

כ׳האָב זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ פוס, פאַר דער פּלײצע, דערפילט ס׳ברײט און כ׳האָב זיך אומגעקוקט. מיר זײַנען געשטאַנען בײַ די ציגלנע אױװנס מיט די אָפענע פענסטערלעך, װוּ טױזנטער טאָן קײלן האָבן זיך געשמאָלצן, זיך געגאָסן און ס׳פײַער האָט געפלײצט, דערצײלט, אַז ס׳איז די נשמה פון אַלע פאַבריקן. כ׳האָב געקוקט אין פײַער אַרײַן דורך אַ בלױער שטיק גלאָז, געטראַכט װעגן מיסטישן „נהר דינור" (פײַער־טײַך) און ס׳איז מיר קלאָר געװאָרן, פאַרװאָס דער אַמאָליקער מענטש האָט שטענדיק געדינט צום פײַער, װאָס רײניקט יעדע שמוץ און בלײַבט אַלײן רײן.

כמעט צום לעצט האָב איך דערזען דעם מענטש. אױסגעשמירטע, פאַרחושכטע, שטײען די אַרבעטער אַרום די װאַרשטאַטן, אַרום די קעסלען, אַרום די אױװנס, זעען אױס קלײן־נישטיק. יעדער האַלט אַן אַנדער אינסטרומענט, שטײט גרײט, װאַרט, דער קריכעדיקער װאַרשטאַט זאָל זיך דערנענטערן צו אים. דער װאַרשטאַט איז פול מיט רױע שטיקלעך מאָטאָרן. אײנער לאָזט אַראָפּ די בױער־מאַשין, דער צװײטער פּאַסט צו אַ שרױף און אײדער מען טוט אַ פּינטל מיטן אױג — דאָס שטיק מאָטאָר פאָרט שױן װײטער. אײן שטיק װערט צוגעניטעװעט, צוגעשרױפט צום צװײטן און אײדער װאָס װען איז פאַרטיק אַ מאָטאָר

די אַרבעטער שטײען אײנער לעבן צװײטן, רײדן ניט, משאַטעװען, באַפאַלן די רױע שטיקער אױטאָמאָבילן, װי זײ װאָלטן מורא געהאַט, די אָפענע פּיסקעס פון די שנײד־מאַשינען, די פינקל-

דיקע בויערעם, די פּאַסן וואָס וויקלען זיך, די אַלע משחיתים זאָלן אַמאָל ניט אַריינכאַפּן קיין האַנט, קיין שטיק קאָפּ.

אַרבעטער, וואָס פּאָרען זיך אונטער די סקעלעט־אויטאָמאָבילן, שאַרן זיך אויף אויסגעבעטע וועגעלעך, וואָס זיינען צוגעפּאַסקעוועט צום געזעס, רוקן זיך נאָך די וואַרשטאַטן ווי קאַליקעס.

ס׳איז געווען מיטאָג־צייט. יעדע פופצן מינוט האָט זיך געהערט אַ לאַנגער פייף. אַרבעטער האָבן זיך געביטן. די וואָס האָבן שוין געהאַט געגעסן זיינען אויסגעוואַקסן אַרום די וואַרשטאַטן, און די הונגעריקע זיינען זיך צעלאָפן, זיך צעשטעלט ווער אַרום די אָפּ־טריטן, ווער אַרום די בלעכענע קעסלען מיט פּאַריק עסן. מען קויפט שיסלען זופּ, פלעשלעך מילך, „איך מיר ביר“, סענדוויטשעס.

דאָס פייפן שניידט זיך אַריין אין חלל, שרייט איבער דעם געפילדער. אַן אַ זייט שטייט אַ דאַרער פאַרשוין אָן הענט. ביידע הענט זיינען אָפּגעריסן ביז איבער די עלנבויגנס. ער האַלט אַ פייפל אין מויל און גיט סיגנאַלן.

מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט זיבן יאָר געאַרבעט ביי פאָרדן אין די פאַבריקן, ווייזט מיט אַ פינגער אויפן סיגנאַליסט:

— פאַרלירט מען ביי פאָרדן אַ האַנט, אַ פוס, צי גאָר ביידע הענט, איז מען פאַרזאָרגט מיט אַ שטעל אויפן גאַנצן לעבן.

אַן אויפזעער איז אונטערגעקומען, דערקענט מיין באַקאַנטן. מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט. דער אויפזעער האָט מיר אַריינגעשטעקט אַ קנאָך מיט צוויי פינגער און צוגעגעבן:

— אַ בוי־מאַשין האָט עס אָפּגעריסן.

— האָט איר כאָטש געקראָגן גוט באַצאָלט?

— פאָרד האָט זיין פייד — האָט דער אויפזעער געשמייכלט — צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פינגער.

— אַזוי ביליג?

— פאָרד טענהט, אַז ס׳קומט גאָרניט — דאָס גיט ער פון גוטסקייט.

— אַזוי האָט ער אייך געזאָגט?

— ווער רעדט מיט אים, ווער זעט אים? כ׳אַרבעט שוין דאָ פופצן יאָר, האָב איך פאָרדן דריי מאָל געזען. ס׳ערשטע מאָל איז ער

געקומען מיט אַן ענגלישן פּרינץ, ס'צווייטע מאָל מיט טשאַפּלינען און ס'דריטע מאָל איז ער געקומען מיט עפּעס אַ רוסישן פּרינץ.

דער אויפזעער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צערעדט און האָט אונדז געלאָזט שטיין. מיר זײַנען צוגעקומען צום אַרויסגאַנג. אויפן וואַרשטאַט איז שוין געשטאַנען אַ פּאַרטיקער אויטאָמאָביל, אַן אָפּגעלאַקירטער אַ פינקלדיקער. די רעדער זײַנען אַרויף אויף די שינעס. מען האָט אַרײַנגעגאָסן געזאָלין, אָנגעשרויפט דעם מאָטאָר און דער „גולם" האָט באַקומען לעבן, אָנגעהויבן סאָפּען. דער אויטאָמאָביל איז אַרויס מיט אַ פײַף פון דער פאַבריק, זיך געטראָגן איבער אַ לײדיקן פּלאַץ אין אַ ראָד.

ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויפן מענטשן, וואָס בויערט לעכער, שרויפט שרײַפלעך פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ווערט טעמפּ נאָך פינף, זעקס יאָר אַרבעט, אַבי פאָרד זאָל אויספירן זײַן משוגעת, אַרויסוואַרפן אין ווייניקער ווי אַ מינוט אַן אויטאָמאָביל.

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז פאָרד לייענט פאַרן שלאָף די ביבל, ווייס זיכער די מעשה מיט די זיבעציק מלכים, וואָס אדוני בזק האָט זיי אָפּגעהאַקט די גראָבע פינגער. ס'קאָן פאָרדן אַמאָל אײַנפאַלן אַ נײַע משוגעת — אָפּצוהאַקן יעדן פון הונדערט און דרײַסיק טויזנט אַרבעטער אַ פינגער — פאַר זעקס־און־צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר קאָן ער האָבן ס'פאַרגעניגן, קאָן ער דורכפירן זײַן משוגעת.

1929.